ביזנעס גערעדט
וועכענטליכע ביזנעס אימעל
Issue No. 27 | news@businessgeredt.com | יום א׳ פרשת ויגש | Sunday Dec. 29

# די סטאק מארקעט׳ס גרעסטע געווינער׳ס און פארלירער׳ס 2024

געוויסע פירמע׳ס האבן געהאט גאנץ א פיינע 2024, און אנדערע, נישט ממש.

איז לאמיר אנהייבן מיט די שלעכטע נייעס...

## מאדערנא

**וואס איז שלעכט געגאנגען:** די פירמע וואס יעדער האט גערעדט פון ביי קאוויד, מאדערנא Inc. איז געפאלן פון אירע העכסטע פונקט צוזאמען מיט די מאסק׳ס ווען די וועלט האט צוריק אנגעהויבן ווערן נארמאל. די פירמע׳ס סטאק איז געפאלן 63% אין 2024 וויבאלד די דימענד פאר אירע איינציגסטע פראדוקט וואס מאכט געלט, די קאוויד וואקסין, איז שטארק געפאלן.

**סיבות פאר האפענונג:** דאס וועט נישט זיין פאר צו לאנג. מאדערנא ארבעט יעצט אויף א רייע אנדערע וואקסינ׳ס און מעדעצינען נוצענדיג זייערע mRNA טעכנע־לאגיע. ווי אויך האט די פירמע געשניטן אירע קאסטן, מיט די ציל פון שפארן $1.1 ביליאן ביי 2027.

## אינטעל

**וואס איז שלעכט געגאנגען:** בשעת וואס געוויסע טשיפ פראדאצירער האבן געהאט גאר א גוטע יאר, האט אינטעל זיך גאר שטארק געמיטשעט. אינטעל׳ס סטאק איז געפאלן 54% אין 2024, און האט געמאלדן אז זיי וועלן שניידן זייערע ארבייט׳ס קראפט מיט 15% אלס חלק פון א פלאן צו שניידן קאסטן מיט $10 ביליאן אין 2025. אינטעל, די פירמע וואס איז געווען די גרעסטע אין די אינדאס־טרי אין די גוטע צייטן פון PCs און Macs, איז געפאלן אונטער אנדערע פירמע׳ס אין מאביל קאמפיוטינג און אין די עי איי געיעג.

**סיבות פאר האפענונג:** נישט אלעס איז פארלוירן פאר 2025, אינטעל ארבעט צוריק אויפצובויען אירע עיקר ביזנעס מיט נייע טשיפ׳ס פאר לעפטאפ׳ס און דעסקטאפ׳ס. ווי אויך לייגט אינטעל ארייַן אלע אירע קארטלעך אין די נייע 18A - גאר פארגעשריטענע טשיפ וואס זאגט צו שנעלערע, און מער ענערגיע-עפישע־נט טשיפס - און זיי האבן שוין גרויסע קאנטראקטן מיט אמעזאן, מייקראסאפט, אין די אמעריקאנער דיפארטמענט אוו דיפענס.

## וואלגרינס

**וואס איז שלעכט געגאנגען:** וואלגרינס סטאק איז געפאלן 67% אין 2024 און האט געמאלדן פלענער צו פארמאכן 1.2k געשעפטן אין די נעקסטע דריי יאר. איינער פון די פירמע׳ס גרעסטע פראבלעמען: קאנסומער׳ס, וואס האבן שוין גענוג געהאט פון ווארטן פאר ארבייטער׳ס צו עפענען סעקיורעטי שאכטלעך און ווארטן אויף לאנגע ליניע׳ס, זענען פשוט געגאנגען צו אנליין אפציעס ווי אמעזאן.

**סיבות פאר האפענונג:** בשעת וואס פארמאכן טויזענטער לאקאציעס איז נישט קיין סיגנאל פון א געזונטע פירמע, קען פארמאכן געשעפטן וואס פארלירן געלט העלפן וואלגרינס צו פאוקעסירן בעסער אויף די געשעפטן וואס ברענגען יא אריין פראפיטן.

און יעצט, די פירמע׳ס וואס זענען ארויסגעקומען אויבן:

## נווידיא

**וואס איז גוט געגאנגען:** אויב איז געווען איין סטאק וואס די האסט גערעדט וועגן די יאר, איז עס מן הסתם נווידיא. ארויף 200% אין 2024, די עי איי טשיפ פראדע־צירער האט געהאט א רעקארד-ברעכענדע יאר, און איז פאר א קורצע צייט גע־ווארן די גרעסטע פירמע אין די וועלט, שטייענדיג יעצט מיט א מארקעט קעפ פון $3.5 טריליאן. די סיבה פארוואס נווידיא האט צוזאמגעווארפן אירע קאמפעטי־שאן? עי איי. די ארייַנקום פון אופען עי איי׳ס ChatGPT און די גאנצע סעקטאר וואס פארלאזט זיך אויף נווידיא׳ס ספעציעלע עי איי טשיפ׳ס.

**סיבות צו זיין געווארנט:** "וואס גייט ארויף, מוז אראפקומען" נווידיא׳ס סוקסעס ווענד זיך אויף די ראטע פון עי איי צו עס וועט ווערן מער אויפגעכאפט אדער כאטש בלייבן ווי זי איז יעצט. ע׳מיר זען וואס געשעט.

## מייקרא סטרעטעדשי Inc.

**וואס איז גוט געגאנגען:** צווישן די יאר׳ס בעסטע סטאקס, סאפטוועיר פירמע מייקרא סטרעטעדשי Inc. סטאקס איז ארויף 492% אין 2024. די פירמע, וואס איז די גרעסטע ביטקאון האלטער, האט געקויפט $17.8 ביליאן ווערד פון ביט־קאון דאס יאר. וואס דאס האט ארויפגעשטופט מייקרא סטרעטעדשי׳ס סטאק און ביטקאון ווערד.

**סיבות צו זיין געווארנט:** מייקרא סטרעטעדשי טרייבט אויף $42 ביליאן צו קענען קויפן נאך ביטקאון איבער די נעקסטע 3 יאר. די געלט גייט פאר ביטקאון, און נישט צוריק אריין אין די ביזנעס. עס קען זיך לוינען, אדער נישט - אזוי ווי אונז אלע ווייסן, ביטקאון איז נישט באקאנט פארן זיין א סטאבילע אינוועסטמענט.

## וואלמארט

**וואס איז גוט געגאנגען:** נישט יעדע פירמע וואס איז גוט געגאנגען אין 2024 איז געווען א טעק פירמע. די גרעסטע פירמע אין די וועלט ווען עס קומט צו סעילס, וואלמארט, האט געהאט א שטילע יאר, מיט אירע סטאק ארויף 78%. בשעת וואס ברענדס ווי וואלגרינס פאלן אונטער די אנליין קאמפעטישאן, גייט וואלמארט ווייטער אן מיט א שטארקייט, מיט זייערע זעלבע-טאגיגע פארמעסי דעליווערי׳ס, דראון דעליווערי׳ס, און א אויסגעברייטערטע דריטע-פארטי מארקעט-פלאץ.

**סיבות צו זיין געווארנט:** וואלמארט קען נישט פארגעסן פון אמעזאן.

# נומערן פון 2024

## $24 ביליאן+

די סומע וויפול VC פונדינג עי איי סטארטאפס האבן באקומען אין 2024. נישט נאר איז עי איי געווען די סעקטער וואס האט באקומען די מערסטע פונדינג דאס יאר, נאר עס איז געווען 33% פון אלע אינוועסטמענט׳ס דאס יאר.

**$6.2 מיליאן:** די סומע וויפול א דוקט-טעיפ באנאנא איז פארקויפט געווארן.

**$20,000,000,000,000,000,000,000,000,000,000,000:** די צעדרייטע סומע וואס רוסלאנד האט פארלאנגט פון גוגל פארן בלאקירן סטעיט מידיא קאנאלן אויף יוטוב. דאס איז א 37- דידשיט נומער וואס איז אסאך העכער ווי די וועלט׳ס טאטאלע GDP, די קרעמלין האט עס גערופן "סימבאליש".

**$28:** די סומע וויפול א מעקסיקאנער מאן האט געצאלט פאר צוויי קארטיער אויער רינגלעך, א 99.9% דיסקאונט פון די ארגינעלע פרייז א דאנק א טעות אויף די ריטעילער׳ס וועבזייטל. קארטיער האט פראבירט צוריקצובאקומען די געלט, אבער איז צום סוף געצווינגען געווארן אראפצושלינגען די טעות נאך וואס מעק־סיקאנער אוטאריטעטן האבן געזאגט אז די מענטש דארף נישט צוריק צאלן די געלט.

**1 מיליאן+:** נייע באנוצער אויף בלויע סקיי אין די וואך נאכפאלגענדיג די אמערי־קאנער וואלן. עקס, האט אין די זעלבע צייט, געזען 115k באנוצער׳ס פארמאכן זייערע אקאונט׳ס די טאג נאכפאלגענדיג די וואלן.

# ווער האט געמאכט די מערסטע געלט אין 2024?

## אילאן מאסק

אלס די וועלטס רייכסטע מענטש אין 2024, האט אילאן מאסק א נעט ווערד פון $451 ביליאן. די $222 ביליאן וואוקס אין רייכטום איז געטריבן געווארן דורך די ווייטערדיגע סוקסעס פון טעסלא און ספעיס עקס.

## מארק צוקערבערג

זייענדיג די דריט-רייכסטע מענטש אין די וועלט, האט מארק צוקערבערג געענדיגט די יאר מיט א נעט ווערד פון $212 ביליאן, $84 ביליאן מער ווי אין 2023. זיין סט־ראטעגישע פירערשאפט פון מעטא האט געשטיפט די פירמע צו זיין פון די אינ־דאסטרי פירער׳ס אין עי איי און VR.

## דשענסען האוענג

די צוועלפסטע ביליאנער פון 2024, האט דשענסען האוענג צוגעלייגט $77.9 ביליאן צו זיין פארמעגן, ברענגענדיג זיין טאטאלע נעט ווערד צו $122 ביליאן. אלס סי-אי-או פון נווידיא, האט זיין פייארנירענדע ארבעט אין עי איי און GPU טעכנעלאגיע׳ס טראנספארמירט די טעק סעקטער.

## דשעף בעזאז

די צווייט-רייכסטע מענטש אין 2024, האט געזען זיין פארמעגן וואקסן מיט $67 ביליאן, צו א טאטאל פון $244 ביליאן. זיין סטראטעגישע אינוועסטמענט׳ס און אמעזאנ׳ס אויסשפרייטונג אריין אין אנדערע סעקטאר׳ס זענען געווען א גרויסע חלק פון זיין פינאנציעלע סוקסעס.

## לערי עליסאן

די פערטע רייכסטע מענטש אין די וועלט, האט אויך צוגעלייגט $67 צו זיין פאר־מעגן. ברענגענדיג די יאר צו א ענדע מיט א טאטאלע נעט ווערד פון $190 ביליאן. זיין פאוקעס אויף אורעקל׳ס קלאוד קאמפיוטינג מעגליכקייטן איז געווען א גרויסע סיבה פאר זיין נייע רייכטום.